# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

לֵךְ מֵעִמָּנוּ
כִּי עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ מְאֹד.

בעזהשי"ת ▪ חיי שרה תשפ"א ▪ גליון ק'


# וואס איז געשעהן מיט מיין חבר?

## פון ווען מיין חבר האט אנגעהויבן מצליח צו זיין, איז ער שוין נישט דער זעלבע!

די מוסר השכל און לימוד פון:
אבימלך מלך גרר מיט יצחק אבינו- עשו הרשע מיט יעקב אבינו

צענדליגע מאל, טרעפן מיר זיך אין א סיטואציע ווי מיר שפירן אז מיר קענען נישט דולדן א צווייטן און מען ווייסט נישט וואס איז געשעהן מיט יענעם/זיך אבער מען פילט אז "יענער מאכט מיר נערוועז! פון ווען ער האט אנגעהויבן מצליח צו זיין, פירט ער זיך אויף ווי אן אנדערע מענטש. ער פלעגט זיין איידל און באַטעמ'ט, אבער לעצטנס איז ער געווארן א שטייפער און א קאלטער, מען קען שוין נישט רעדן מיט אים ווי אמאל!" ווער רעדט נאך בעת יענער איז נארוואס ארויפגעקומען אויפן האריזאנט, פילט מען אז דער פשע איז פיל גרעסער, ווייל מען טראכט, "א יאר צוריק איז ער נאך געווען א שלעפער פונקט ווי מיר אדער אפי' א גרעסערע שלעפער ווי מיר און פלוצלינג ווערט ער א גאנצע זאך!"

**לאמיר אריינקלערן:** איז יענער טאקע דער פראבלעם אדער אפשר בין איך גאר דער פראבלעם?! פון וואו קומט מיין שנאה? אפשר קומט דאס צוליב וואס איך בין יענעם מקנא און עס איז פשוט שווער צו זעהן ווי עס גייט יענעם אזוי גוט בשעת וואס איך בין נישט דער גרעסטער בר מזל?!

אין די וואכנדיגע פרשה, געפונען מיר צווי עפיזאדן ווי דער "שולדיגער" איז גאר געווען אינגאנצן "אומשולדיג" און בלויז צוליב א דמיון און קנאה, האט זיך אנגעצינדן א שנאה וואס האט צוגעברענגט אז דער אומשולדיגער איז געווארן גע'רודפ'ט און געפייניגט עד כדי להמית ממש...

**לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פארן וואך...**

**וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ אֶל יִצְחָק לֵךְ מֵעִמָּנוּ כִּי עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ מְאֹד.**
(תולדות כו, טז)

אבימלך, דער גרויסע און רייכע קעניג פונעם לאנד פלשתים, אן אלטע גוטע פריינד פונעם זיידן אברהם, האט באפוילן אונזער פאטער יצחק ארויסצוגיין פון זיין לאנד פון איין טאג צום צווייטן. ער האט אים געבעטן, "גיי פון דא. דו ביסט צו גרויס און צו שטארק פאר אונז, מיר קענען דיר מער נישט האלטן דא... ביטע טראג אפ פון דאנעט".

לאמיר פארשטיין: **וואס האט יעצט פאסירט?**

צו פארשטיין דעם ענין על בוריה, וועלן מיר צוריק מישן עטליכע פסוקים, וואו דער מעשה הייבט זיך אן...

**קאפיטל כו':** פסוק **א**. וַיְהִי רָעָב, בָּאָרֶץ, מִלְּבַד הָרָעָב הָרִאשׁוֹן, אֲשֶׁר הָיָה בִּימֵי אַבְרָהָם; וַיֵּלֶךְ יִצְחָק אֶל אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ פְּלִשְׁתִּים, גְּרָרָה. **ב**. וַיֵּרָא אֵלָיו ה' וַיֹּאמֶר אַל-תֵּרֵד מִצְרָיְמָה: שְׁכֹן בָּאָרֶץ, אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ. **ג**. גּוּר בָּאָרֶץ הַזֹּאת, וְאֶהְיֶה עִמְּךָ וַאֲבָרְכֶךָּ וגו'.

יצחק אבינו האט געוואוינט רואיגערהייט אין ארץ ישראל, ווען פלוצלינג איז געווארן א שטארקע הונגער אינעם גאנצן לאנד.

ער האט געוואלט גיין אין זיין טאטע'ס וועגן[א] און פונקט ווי אברהם אבינו איז אראפגעגאנגען קיין מצרים ביי די פריערדיגע הונגער יארן און האט שטארק מצליח געווען דארטן, האט ער אויך געטראכט פון דארטן אהין גיין, אפשר וועט ער אויך דארטן האבן די ברכה.

אבער דער אייבערשטער איז געקומען צו אים און געזאגט, "יצחק טייערע, גיי נישט קיין מצרים. דו ביסט א קרבן עולה און דו באלאנגסט אין ארץ ישראל, חוץ לארץ איז נישט פאר דיר. **בלייב וואוינען דא אין די שטאט גרר אין ארץ כנען.** און כאטש יעצט איז דא וויינציג עסן פאר דיינע בהמות, זאלסטו זיך נישט זארגן ווייל איך וועל זיין מיט דיר און איך וועל דיר בענטשן מיט אסאך געלט און שאף. דיין הצלחה וועט זיין דוקא דא. גיי נישט קיין חוץ לארץ." (עי' בספורנו)

נו, אז יצחק אבינו האט באקומען א קלארע נבואה, **וישב יצחק בגרר.** זאגט די אוחה"ק: **לומר שקיים מאמר הבורא ב"ה,** יצחק האט געפאלגט די השגחה עליונה, תיכף ומיד מבטל געווען זיין פריערדיגע

[א] עי' בדברי הרמב"ן.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

מחשבות און זיך באזעצט אין "גרר", פונקט ווי דער אייבערשטער האט אים באפוילן.

ער האט זיך איינגעגלידערט פונקט ווי אלע איינוואוינער און אנגעהויבן פלאנצן, זייען און אקערן...

(יב) **וַיִּזְרַע יִצְחָק בָּאָרֶץ הַהִוא...** עס איז געוואקסן א מחיה. כאטש וואס די יאר איז געווען זייער א שווערע וויל עס האט געהערשט א הונגער און די ערד איז געווען זייער הארט, אעפ"כ... **וַיִּמְצָא בַּשָּׁנָה הַהִוא מֵאָה שְׁעָרִים**, וואס יצחק אבינו האט געפלאנצט, האט געוואקסן און געבליט בשפע. יעדע איינציגע קערנדל האט ארויסגעגעבן הונדערט מאל מער פון וואס מען האט איר געשאצט. אויב האט געדארפט ארויסוואקסן א כור, איז ארויסגעוואקסן הונדערט כור. (ב"ר)

**פון וואו קומט דער הצלחה?** זאגט דער פסוק נאכדעם: **וַיְבָרְכֵהוּ ה'**, דער אייבערשטער האט אים ספעציעל אריינגעשיקט א ברכה, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים געזאגט פון פאראויס: **גּוּר בָּאָרֶץ הַזֹּאת, וְאֶהְיֶה עִמְּךָ וַאֲבָרְכֶךָּ** וגו'...

עס איז געוואקסן און געוואקסן לרוב, הונדערטע טויזנטע בונדלעך. און אויב דאס איז נישט גענוג, זאגט דער ספורנו: **וַיְבָרְכֵהוּ ה'**, נישט נאר וואס ער האט געהאט תבואה צו פארקויפן לרוב, נאר ער האט אויך זוכה געווען צו אן עקסטערע ברכה פון שמכר תבואתו בדמים יקרים, אלעס האט זיך פארקויפט פאר טייערע געלט!

זאגט דער פסוק ווייטער: (יג) **וַיִּגְדַּל, הָאִישׁ; וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְגָדֵל, עַד כִּי-גָדַל מְאֹד. (יד) וַיְהִי לוֹ מִקְנֵה צֹאן וּמִקְנֵה בָקָר, וַעֲבֻדָּה רַבָּה;** אין דעם קליין שטיקל צייט וואס יצחק האט געוואוינט אין גרר, איז ער געווארן א ריזיגע עושר פון אזויפיל תבואה, שאף, רינדער, פעלדער און קנעכט וכו'...

## די פראבלעמען הייבן זיך אן...

די גאנצע שטאט איז געפארן אויף רעדער! איינער ר' יצחק, אן אימיגראנט, האט זיך נארוואס אהערגעצויגן פון אן אנדערע פלאץ און האט מער רייכטום ווי דער קעניג אליין!

**וַיְקַנְאוּ אֹתוֹ, פְּלִשְׁתִּים...** דער עולם האט אנגעהויבן פעסט צו מקנא זיין! "פארוואס פונקט ער און נישט אונז??" האבן די פלשתים געשריגן, "קוק נאר וואס גייט דא פאר! ביי אונז און אונזערע פעלדער, נישט נאר וואס עס בליט נישט, נאר פונקט פארקערט! וויפיל מאל מיר פרובירן איינצופלאנצן, וואקסט אלץ וויניגער און וויניגער! און ביי דער יצחק, ווי וויניגער ער פלאנצט, אלץ מער וואקסט!" (ספורנו)

דער פשוט'ע קנאה האט אנגעהויבן קאכן ביז עס האט זיך טראנספארמירט צו א טיפע שנאה. און ווען עס הערשט א שנאה, קומט מען אן צו רציחה.[ב]

נו, הרג'נען ממש האבן זיי נישט געקענט, וויבאלד זיי האבן דאך אן אלטע ציווי פונעם קעניג "**הַנֹּגֵעַ בָּאִישׁ הַזֶּה וּבְאִשְׁתּוֹ מוֹת יוּמָת**" (כו, יא). אבער כאטש זיין פרנסה, זיין געלט, דאס קענען זיי יא אונטערהאקן ווייל, "פארוואס זאל גיין אזוי גוט פאר אזא איינער וואס איז נעכטן אנגעקומען אין אונזער שטאט?!"

## די געוואלטאטן...

(טו) **וְכָל הַבְּאֵרֹת, אֲשֶׁר חָפְרוּ עַבְדֵי אָבִיו, בִּימֵי, אַבְרָהָם אָבִיו סִתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים, וַיְמַלְאוּם עָפָר.** זיי האבן דאך געוואוסט פון אלע ברינען'ס וואס יצחק האט באקומען בירושה, האבן זיי געמאכט א רשעות'דיגע חשבון: לאמיר גוט פארשטאפן אלע זיינע ברינען'ס[ג], אזוי וועט יצחק נישט האבן וואס צו געבן צו טרינקן פאר זיינע סטאדעס פון שאף און רינדער און זיי וועלן אלע צוביסלעך אויסשטארבן. (רבינו בחיי)

זאגט דער עץ יוסף[ד]: די פלשתים זענען געווארן אזוי משוגע, נישט וויסנדיג פון וואו קומט צו דעם איד אזא גרויסע הצלחה. זיי האבן דאס פרובירט תולה זיין אין יעדע סארט גשמיות'דיגע פעולה וואס מען קען נאר טראכטן, עד כדי כך אז זיי האבן געטראכט אז אפשר איז דאס צוליב די מיסט מיט וואס ער באמיסטיגט די פעלדער, אפשר האט יצחק א ספעציעלע מיסט וואס האט א סגולה אין זיך אז עס מאכט פעסט וואקסן.... האבן זיי אלע אנגעהויבן בעטן פון יצחק אז ער זאל זיי געבן פון זיין מיסט, אפשר אזוי וועלן זיי אלע אויך מצליח זיין און רייך ווערן!

אז דאס א ברכת ה', דאס איז זיי נישט איינגעפאלן, נאר אנשטאט, האבן זיי זיך גע'נער'ט און געפאפט "אז יעדער קען פונקט אזוי רייך ווערן ווי אים! סך הכל דארף מען דערגיין דעם סוד פון זיין הצלחה און דערנאך וועלן מיר אלע רייך ווערן!"

## דער אפיציעלע מעסעד"ש קומט אן...

(טז) **וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ, אֶל יִצְחָק: לֵךְ, מֵעִמָּנוּ, כִּי עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ, מְאֹד.** דער קעניג האט געזאגט, "אנטשולדיגט ר' יצחק, איך האב נישט קיין ברירה נאר... גייט אוועק פון דאנעט, דו מאכסט מיר בושות! איך, אלץ קעניג, וואלט געדארפט זיין דער רייכסטע פערזאן פון לאנד און איך פארמאג נישט האלב אזויפיל געלט און סטאדעס ווי דיר. עס איז מיר א שאנדע און א חרפה! **דו האסט מער ווי דעם גרויסן קעניג!** (רמב"ן). געבט א קוק וואס גייט דא פאר: דער עולם איז שוין מער נישט אינטערעסירט אין מיין

[ב] עי' ברבינו בחיי בספרו כד הקמח אות קנאה בא"ד... וכן אמר אליפז (איוב ה, ב) וּפֹתֶה, תָּמִית **קִנְאָה**. כלומר מי שמתפתה אחר מדת הקנאה- **תמיתנו**, או את חברו, שהרי מתוך הקנאה יבא לידי שנאה ומהשנאה לידי רציחה שכן כתיב (דברים יט) **כי יהיה איש שונא לרעהו- וארב לו**, וגו'.

[ג] וא"ת מה היו עם הברית והתוכחה שהוכיח אברהם את אבימלך אודות הבאר, עי' באוחה"ק, עה"פ.

[ד] (אחד מן המפ' על מד"ר)

געלט! זיי ווילן נאר אלעס פון דיר: דיין ערד, דיין שמוץ... קיינער קוקט שוין בכלל נישט אויף מיין רייכטום!" (רש"י)

## לאמיר אריינקלערן: וואס גייט דא פאר?

איינער מאכט געלט און דער גאנצע עולם האלט עס נישט אויס! יעדער וויל אויך! יעדער פרובירט נאכמאכן, אפשר אזוי וועלן זיי אויך מצליח זיין! לאמיר זאגן אז אזוי גייט עס אין די ביזנע"ס וועלט, "יעדער וויל אויך". אבער פארוואס דארף מען יענעם בארעדן און אראפרייסן? וואס איז דער טיפע שנאה וואס געבט פאר די מענטש צו שפירן ווי כאילו ער מוז זעהן אז יענער'ס פוס זאל ווערן אונטערגעהאקט פאר יעדן פרייז אין דער וועלט?!

זאגט דער פלא יועץ (אות קנאה): **דאס איז דער מדה פון קנאה!** יא, דער מדה איז אזוי ווי א קליין פייערל וואס ברענט אינעם מענטש און קאכט און זידעט. וז"ל...

ווען איינער איז מקנא א צווייטן, זוכט ער יענעם'ס שלעכטס און רעדט כל מיני דברי בזיון אויף אים, ווייל פון זיין קנאה קומט ארויס א גרויסע און טיפע שנאה, וואס ווערט אזוי ווי א פייער וואס פארברענט אן קיין היילונג.

ווער עס האט ליידער די מדה אין זיך, זענען זיינע טעג פיל מיט ווייטאג, ער עסט נעבעך טרויעריגע ברויט און האט נישט קיין שום אמת'ע פריינט. ער געפונט זיך כסדר אין קריגערייען און פריידט זיך ווען עס זענען דא קריגערייען. ער וויל נאר זעהן אז יענער זאל געשטרויכלט ווערן, יענער זאל ערגעץ מאכן א טעות, זאל דאס זיין אין זיין ביזנעס, אין א דבר הלכה אדער סתם אזוי, יענער זאל אביסל פאלן אין זיין ערליכקייט און אזוי צוביסלעך פארלירן זיין גוטע נאמען. ער טראכט כסדר "יענער דארף נישט משיג זיין אזויפיל!!"[ה]

## וואס איז די שורש פון קנאה?

פארוואס ברענגט דאס צו אזא גרויסע שנאה? און פארוואס שפירט דער מענטש ווי גלייך זיין חבר איז דער וואס איז שולדיג?

זאגט דער מדרש (ב"ר ז.): **וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ, אֶל יִצְחָק: לֵךְ, מֵעִמָּנוּ, כִּי עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ, מְאֹד.** אבימלך האט געזאגט פאר יצחק: "**כִּי עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ**, ר' יצחק, דו זאלסט מיר אנטשולדיגן אבער דיין רייכטום איז באמת אונזערע! טראכט נאר אריין פון וואו דו האסט פארדינט אלע דיינע פארמעגנס?! נאר פון אונז! ווען דו ביסט געקומען וואוינען דא, האסטו גארנישט געהאט, אפשר נאר איין סטאדע. אבער יעצט, פון וואו האסטו אזויפיל סטאדעס, פעלדער און קנעכט? ווייל דו האסט דאס אלעס צוגענומען פון אונז! אלעס וואס דו האסט פארדינט, וואלטן מיר גערדארפט פארדינען!?" (ב"ר)

**איין קליין נארישע מחשבה'לע:**

**דער מענטש דאכט זיך אז ווען יענער איז מצליח, ווערט עפעס אוועקגענומען פון אים...**

**עס קוקט אים אויס כאילו עס איז נאר דא כך וכך געלט אויף דער וועלט און דאס ווערט צוטיילט אייניג פאר אלע בירגער.**

**אויב יענער האט מער, באקומט יעדער וויניגער! ווייל פון וואו דען קומט צו יענעם אזוי פיל געלט?!**

**מוז זיין אז יענער נעמט צו דער מזל פון אנדערע!**

"ווען דו וואלסט נישט דא געווען, וואלטן מיר אלע פארדינט אסאך מער! דעריבער, ביטע פארלאז די שטאט זאפארט און לאז אנדערע מענטשן אויך פארדינען אביסל..."

**און דאס איז דער יסוד און שורש פון קנאה:** איין קליין נארישע מחשבה'לע! דער מענטש דאכט זיך אז ווען יענער איז מצליח, ווערט עפעס אוועקגענומען פון אים. ווען יענער איז מצליח, בלייבט איבער וויניגער פאר אים. עס קוקט אים אויס כאילו עס איז נאר דא כך וכך געלט אויף דער וועלט און דאס ווערט צוטיילט אייניג פאר אלע בירגער. אויב יענער האט מער, באקומט יעדער וויניגער! ווייל פון וואו דען קומט צו יענעם אזוי פיל געלט?! עס מוז זיין אז יענער נעמט צו דער מזל פון אנדערע! אויב אזוי, איז דאך קלאר אז אויב איך האב וויניגער, איז דאס נאר צוליב יענעם![ו] נו, קומט נישט אז מען זאל אים פיינט האבן? מען דארף זעהן צו טוהן וואס מען קען נאר אים אונטערצוברעכן, אפשר אזוי וועלן מיר האבן מער...

## יצחק פארלאזט די שטאט, נישט וויסנדיג וואס ער האט חוטא געווען!!

יצחק אבינו פארשטייט בכלל נישט וואס דא גייט פאר. ער איז אינגאנצן אומשולדיג, ער האט דאך ערליך געארבעט און ערליך פארדינט. וואס האט ער שלעכטס געטוהן אז דער עולם האט אים אזוי פיינט?! ער ווייסט דעם אמת: דער אייבערשטער איז דער וואס געבט און ער געבט פאר וועמען ער וויל און וויפיל ער וויל, וואס האט דאס צוטוהן מיט אים? פארוואס ווארפט מען אים ארויס?

אבער, יצחק אבינו האט נישט געפרעגט קיין קשיות און פארלאזט די שטאט מיט א געוואלדיגע בטחון. ער האט געוואוסט אז דער זעלבע באשעפער וואס האט אים געשיקט די ברכה אין גרר, וועט אים אויך שיקן דער ברכה אינדרויסן פון גרר. עס איז נישט קיין נפק"מ ווי ער וועט גיין ווייל נישט גרר איז דער וואס איז גורם זיין ברכה, נאר דער רבוש"ע איז דער וואס שיקט דער ברכה.

יצחק מיט זיין געזינדל ציהען זיך ווייט אוועק און באזעצן זיך אין נחל גרר. ער האט אנגעהויבן זיך מסדר זיין מיט זיינע קנעכט און שאף. זיינע קנעכט גראבן און געפונען פיינע קוואל וואסער. אבער, די קנאה איז אויך דארט נישט געבליבן שטיין. די לאנג-יעריגע איינוואוינער, די רועי גרר, האבן צוגעזעהן זיין הצלחה און געקומען צו לויפן, "ר' איד,

---

[ה] כ' האוחה"ק פסוק כז' סו"ד, ותשלחוני וגו', **וזו שנאה מחמת קנאה**. והנה ידוע הוא כי כל שנאה שהיא תלויה בדבר בטל הדבר וכו' (ראה אבות ה, טז) אבל שנאה מחמת קנאה אינה בטלה עולמית, זולת בהבטל הדבר שבאמצעותו היתה הקנאה...

[ו] וזה היה שיטת הקומניסטים, שאמרו רבותינו ז"ל שאין זה אלא שיטת אפיקורסות.

דאס איז אונזער קוואל! אנטשולדיגט, פארוואס נעמט איר צו אונזער וואסער! גייט אוועק פון דא.״

יצחק האט זיך נישט געקריגט. ער האט געוואוסט אז די ברכה קען זיין ערגעץ אנדערש פונקט ווי דא און ריקט זיך ארויף... ער גראבט א פרישע גרוב... אבער עודך! די חברה זענען ווייטער דא! זיי טענה'ן אז מען נעמט שוין ווייטער צו פון זיי... יצחק האט מיט די מענטשן גארנישט, ער ווייסט אז נישט זיי געבן אים און נישט ער נעמט צו פון זיי[ז]... אבער ער ריקט זיך ארויף און גראבט א פרישע גרוב. יעצט ב"ה, ביי די דריטע גרוב איז שוין געווען השקט שלום ובטח.[ח]

## לאמיר זיך דאס פארשטעלן אין אונזער היינטיגע צייטן:

שטעלט אייך פאר אז פון א דערנעבנדיגן שטעטל קומט ארויס די נייעס אז ״**מען האט נארוואס ארויסגעווארפן דער רייכסטע איד פון לאנד!**״ א שרעקליכע אומגליק! יעדער פרעגט, ״וואס האט פאסירט?״ דער עולם הייבט אן בארעדן און פארציילן, יעדער מיט זיינע לשון הרע'לעך. דער צד השוה איז אז דער גאנצע פאלק האט אים נישט ליב, יעדער וויל אים נאר זעהן פאלן.

וואס וואלטן מיר געזאגט? ״יא, עס קען זיין אז ער איז א גרויסע מענטש, ער געבט טאקע אסאך צדקה אבער פארט איז ער נישט קיין מענטש, ער איז נישט איינער וואס איז מעורב לבריות. **עפעס איז געשעהן מיט אים! פון ווען ער איז עלה לגדולה, איז ער נישט דער זעלבע...**״

**איידער מען געבט ארויס דעם פסק אז יענער איז זיכער דער שולדיגער, לאמיר אריינטראכטן: וואס וואלטן מיר געזאגט פאר די אלע מענטשן?** (בעת וואס מיר זענען נאך ניכטער, מיר קענען נאך זעהן די אמת'ע חלק פון די מעשה און זענען נאכנישט ארומגענומען מיט די אלע געפילן.)

### ״וואס איז געשעהן מיט יענעם?״<br>אדער, ״וואס איז געשעהן מיט דיר?!״

**לאמיר געדענקן און חזר'ן: נישט אייביג איז יענער דער פראבלעם, עס קען אמאל זיין אז מיר זענען די פראבלעם! לפעמים, כאפן מיר נישט וואו מיר גרייזן. אנטשטאט צו ארבעטן און באפעסטיגן אונזער מידת הבטחון, טוהן מיר קאכן אין די מדת הקנאה און באשולדיגן א צווייטן וואס איז גענצליך אומשולדיג!**

## אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח וְצֶדֶק מִשָּׁמַיִם נִשְׁקָף.

(תהלים פה, יב)

איין שיינעם טאג, זעהט יצחק ווי דער קעניג אבימלך מיט זיין משנה למלך קומען אים באזוכן. יצחק וואונדערט זיך,״ פארוואס קומט איר צו מיר? איר האט מיר דאך פיינט! איר האט מיר פארשיקט פון אייער לאנד מיטן אויסרייד אז איך נעם צו אלע אייערע השפעות. פארוואס קומט איר יעצט צו מיר?!״

אבימלך זאגט, ״יא יא, אזוי האבן מיר געמיינט אבער... **רָאוֹ רָאִינוּ כִּי הָיָה ה' עִמָּךְ.** ר' יצחק, אנטשולדיגט, מיר האבן געהאט א גרויסע טעות און מיר זעהן יעצט איין דעם אמת... ״**כִּי הָיָה ה' עִמָּךְ**״. עס איז אונז אלע **אנטפלעקט געווארן דעם אמת. דיין יעצטיגע הצלחה און דיין פריערדיגע הצלחה איז נישט געקומען פון אונז, נאר פון דיין ג-ט אליין!**[ט] דו נעמסט גארנישט צו פון אונז! והא ראיה, פון ווען דו ביסט אוועק, איז גארנישט צוגעקומען פאר קיינעם פון אונז. וויפיל געלט יעדער האט פריער געמאכט, מאכן זיי יעצט ווייטער... עס איז פאר קיינעם נישט צוגעקומען קיין איין איינציגע פרוטה!״

״משא״כ, געבט א קוק אויף דיר! אפי' דו ביסט שוין לאנג נישט ביי אונז, וואקסט און בליט דיין פארמעגן ווייטער און ווייטער. עס איז נישט קיין חילוק וואו דו גייסט, ווייל דיין הצלחה גייט מיט מיט דיר! על כרחך, האט דאס גארנישט צו טוהן מיט אונז! נאר אלעס איז דער רצון ה' און מיר מוזן מודה זיין אז א מענטש נעמט זיך גארנישט אליין, נאר... אין עוד מלבדו! דו ביסט אן ערליכע און אומשולדיגע מענטש וואס מיר האבן סתם אזוי געטשעפעט, ביטע זייט אונז מוחל[י]...״

### און טאקע דאס איז דער תיקון צו פארלעשן דאס פייערל פונעם מדה הקנאה, ווי דער פלא יועץ זאגט ווייטער... (שם אות קנאה)

מי האיש החפץ חיים... יהא כגבור הכובש את יצרו און זאל זיך מעמיק זיין אין ריינע מחשבות. ער זאל גלייבן באמונה שלימה אז א מענטש קען נישט צורירן צו עפעס וואס איז נישט אנגעגרייט פאר זיין חבר, **אפי' ער וואלט געווען די איינציגסטע מענטש אויף דער וועלט, וואלט ער גארנישט מער פארדינט פון וואס**

[ז] דער אייבערשטער האט באוואונדערט יצחק'ס אמונה און בטחון. יארן שפעטער, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו: **חבל על דאבדין ולא משתכחין.** (סנהדרין קיא) ״קוק ווי געטריי מיינע אבות זענען געווען פאר מיר. איך האב געהייסן פאר יצחק נישט גיין קיין מצרים, **גור בארץ הזאת** און איך וועל אים בענטשן. אפי' אין די שוואכסטע מינוטן, ווען ער איז געווען אינדרויסן פון שטאט און אפי' אביסל וואסער האבן זיינע עבדים נישט געקענט טרינקן אן זיך קריגן, האט ער קיינמאל נישט מהרהר געווען נאך מיינע מידות. **יצחק פרעגט נישט קיין קשיות און ער האט נישט קיין טענות.**״ און טאקע דאס איז די סיבה פון זיין גרויסע הצלחה.

[ח] ועי' במדרש רבה שג' הבארות מורות על ג' בתי מקדש שנחרבו ובשלישי שיבנה במהרה יהיה השקט שלום ובטח. וכ״כ ברמב״ן.

[ט] כ' באך פרי תבואה, ויש לומר דהנה ידוע דדבר שהוא תמידיות אינו יכול לתלות במקרה. וזה שאמר ״ראו ראינו״, דהיינו כמה פעמים ראינו איך שאתה מצליח, על כן בודאי אין זה מקרה, רק ״ה' עמך״ - שהוא בהשגחת ה', ודוק.

[י] **כדי לציין:** באמת איז אבימלך נישט געווען אזא צדיק און נישט דאס אליין האט אים געמאכט מודה זיין. די מדרש דערציילט (ב״ר ט): יענע טאג וואס אבימלך האט פארשיקט יצחק, זענען ביינאכט אנגעקומען רויבער ארום זיין פאלאץ און געקוויטשעט א גאנצע נאכט. אזוי אויך, איז אבימלך אליין געווארן פיל מיט קרעץ אלץ שטראף פאר אלע לשון הרע'ס וואס ער האט צאמגערעדט אויף יצחק. ווי דער שבט מוסר שרייבט (פרק עג) און ווי מיר האבן געשריבן פונעם פלא יועץ: וווער עס האט אין זיך די מדה פון קנאה, וועט כסדר רעדן לשון הרע אויף יעדער וואס איז גרעסער פון אים בחכמה, בעושר אדער בכבוד, אלעס כדי אים צו דערנידערן. די עונשים האט געמאכט אבימלך טראכטן אז ער איז באגאנגען א זינד. די מענטשן אין יענע דור זענען געווען חכמים און ווען עס איז געקומען פאר איינעם א שטראף, האט ער באלד געמאכט א חשבון הנפש אויף זיינע מעשים און אריינגעקלערט, ״אפשר האב איך עפעס שלעכטס געטוהן וואס דערפאר קומט מיר דאס יעצט.״ (מעם לועז) נאכן אוועקנעמען זיינע נגיעות, האט ער שוין געקענט זעהן די אמת'קייט פון די זאך.

**עס איז אים נגזר געווארן**. די זעלבע איז פארקערט: אפי' אויב עס וואלט צוגעקומען אויף דער וועלט נאך טויזענטע סוחרים פונקט ווי אים, וואלט אים גארנישט געפעלט פון וואס עס איז געווען באשטימט פאר אים. דאס איז וואס דער אייבערשטער ווייסט אז עס איז גוט פאר אים, הצור תמים פעלו, "איך גלייב אז דער אייבערשטער ווייסט פונקטליך וויפיל עס איז גוט פאר מיר!" עיי"ש.

---

מיט דעם געדאנק, קענען מיר אויף פארשטיין די קומענדיגע מעשה אין די פרשה.

# יעקב און עשו<br>קריגן זיך איבער די ברכות

**וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת יַעֲקֹב עַל הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרֲכוֹ אָבִיו וַיֹּאמֶר עֵשָׂו בְּלִבּוֹ יִקְרְבוּ יְמֵי אֵבֶל אָבִי וְאַהַרְגָה אֶת יַעֲקֹב אָחִי.** (כז, מא)

עשו האט פיינט געהאט זיין ברודער יעקב, נישט סתם פיינט, נאר שנאת מות. ער קען קויםווארטן אז די טאטע זאל שוין גיין, אלעס כדי ער זאל קענען הרג'נען יעקב רח"ל. פארוואס האט עשו אזוי פיינט געהאט יעקב? זאגט אונז דער פסוק: **עַל הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרֲכוֹ אָבִיו**, ווייל יעקב האט באקומען די ברכות און נישט ער...

אויבערפלעכליך, קען חלילה אויסקוקן ווי עשו האט דא א שטיקל טענה און האט רעכט זיך צו בייזערן אויף יעקב, "יעקב! דו האסט מיר צוגענומען די טייערסטע זאך אויף דער וועלט: מיין טאטע'ס ברכות. ווי אזוי האסטו געהאט די העזה מיר אזוי צו פארראטן?! דו האלטסט זיך פאר אן ערליכער?! דו ביסט א פשוט'ער פאפער!" און אזוי וויינט עשו צום טאטן יצחק, "דער יעקב איז א פאפער! ער האלט מיר אין איין אויספאפן! דא נעמט ער צו די בכורה, דא נעמט ער צו די ברכות, אזא עוולה!!"

לאמיר זיך דא אפשטעלן און נאכאמאל פרעגן די אויבערדערמאנטע שאלה:

**איז עפעס געשעהן מיט מיין חבר? אדער... איז עפעס געשעהן מיט מיר?**

הערנדיג די מעשה, איז שוין אביסל שווערער צו טרעפן ווער איז דער שולדיגער!! וואלט די נייעס געווען בימינו האלה, וואלט מען זייער שווער געדארפט ארבעטן צו פארטיידיגן יעקב, "עשו האט דאך קלארע טענות, צוויי מאל ממש אויסגעפאפט!"

אבער ווען מיר לערנען די גאנצע פרשה פון אנהייב ביזן סוף, ווערן מיר געוואויר אינגאנצן אן אנדערע בילד...

לאמיר זעהן, וואס שרייט עשו? "**וַיֹּאמֶר הֲכִי קָרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם אֶת בְּכֹרָתִי לָקָח וְהִנֵּה עַתָּה לָקַח בִּרְכָתִי.**" (כז, לו) לאמיר נעמען איין מעשה אויף א מאל און דאס אויסשמועסן מיט עשו. "**עשו**, דו האסט טענות אז די בכורה האט מען צוגענומען פון דיר? אזוי? מען האט דאס צוגענומען פון דיר אדער דו האסט דאס אליין פארקויפט?! צו געדענקסטו אפשר נישט דער מעשה פון די נזיד עדשים סעודה?

"דו האסט דעמאלטס געמאכט א **מכירה ברורה שלמה ומוחלטת**, **שלא תוכל לערער עליה** (רש"י לעיל). דו האסט געמאכט די בעסטע מכירה וואס איז נאר שייך און ניין, עס איז נישט געווען פון א רגע אויף א רגע, יעקב האט זייער שווער געארבעט פאר דעם!"

ווי דער מדרש דערציילט (ב"ר הובא במעם לועז): נאכן אפמאך מיט יעקב, האט עשו צוזאמגענומען א גאנצע חבורה פון פריצים כדי חוזק צו מאכן פון יעקב און ער האט געשוואוירן פאר זיי אז ער האט פארקויפט דער בכורה במכירה גמורה. באלד דערנאך, האט ער געזאגט צו זיי, "רבותי, יעצט קומטס און עססט אויף מיין ברודער'ס חשבון." מען האט אנגעגרייט טישן און די חברה זענען געזעצן און געפרעסן אויף יעקב'ס חשבון. יעקב איז געשטאנען און סערווירט נאך און נאך עסן פאר די אלע פריצים, אן עיקר אז ער האט באקומען די בכורה!

**יעצט לאמיר פרעגן עשו, "דאס הייסט במרמה?!** איינער האט עפעס צוגעכאפט פון דיר אדער מען האט דאס ערליך פארדינט און אפגעקויפט במכירה גמורה?"

"און וועגן די צווייטע מעשה פון **די ברכות** וואס דו פארפירסט אזוי... ר' עשו... מאן יימיר אז די ברכות זענען דיינע און יעקב איז דער גנב? אפשר פארקערט, דו ביסט גאר דער גנב און יעקב איז דער ערליכער? דו טענה'סט אז דער טאטע האט דיר געוואלט בענטשן, אדרבא לאמיר דאס מברר זיין, וועמען האט דער טאטע באמת געוואלט בענטשן?"

זאגט אונז רש"י (ד"ה הכי קרא שמו בשם די מדרש תנחומא): **למה חרד יצחק? אמר שמא עון יש בי שברכתי קטן לפני גדול ושניתי סדר היחס. התחיל עשו מצעק ויעקבני זה פעמים. אמר לו אביו, מה עשה לך? אמר לו את בכורתי לקח! אמר בכך הייתי מצר וחרד שמא עברתי על שורת הדין, עכשיו לבכור ברכתי, גם ברוך יהיה.**

ד"ה: יצחק האט באמת געוואלט בענטשן דער בכור, אבער היות ער האט דאך נישט געוואוסט פון די מכירה, ולפי דעתו האט ער געמיינט אז עשו איז דער בכור, האט ער אים געהייסן ברענגען עסן און ער וועט אים בענטשן. אבער ווי נאר יצחק האט געהערט אז יעקב איז גאר די בכור, האט ער זיך זייער געפריידט און געזאגט, "**עכשיו לבכור ברכתי, גם ברוך יהיה.**" זאגט דער חזקוני: שעל פי הדיבור ברכתיו, שהרי קנה הבכורה ממך, ושורת הדין עשיתי. פונקט אזוי האט טאקע געדארפט זיין!

> **ווען איינער האט דער שלעכטע מדה פון קנאה... פארגעסט ער פון אלעס! יענער ווערט דער פאפער, יענער ווערט דער גנב און יענער איז דער וואס מאכט אן אלע פראבלעמען.**

**יעצט לאמיר דיר פרעגן, "עשו טייערע! וועלכע טענה האסטו אויף דיין ברודער? ווער האט צוגענומען פון דיר און וואס האט מען צוגענומען פון דיר? דו ביסט גאר דער וואס האט געוואלט נעמען עפעס וואס באלאנגט בכלל נישט פאר דיר! פארוואס האסטו נישט געזאגט דעם אמת פארן טאטן אז דו ביסט נישט דער בכור? פארוואס פארקויפטסו ליגנט ווי גליך א מכירה איז קיינמאל נישט געווען?"**

**דער תירוץ איז פשוט: ווען איינער האט דער שלעכטע מדה פון קנאה, ער פארגינט נישט יענעם ווייל ער וויל דאס זייער שטארק, פארגעסט ער פון אלעס! יענער ווערט דער פאפער, יענער ווערט דער גנב און יענער איז דער וואס מאכט אן אלע פראבלעמען.**

איי, די ברכות וואלט דאך סייווי נישט געדארפט אנגעקומען צו עשו ווייל עס באלאנגט נישט פאר אים, דאך... יעצט ווייסט ער נישט פון קיין מדת הבטחון, יעצט ווייסט ער נאר פון דער מדת הקנאה... רח"ל.

**און טאקע דאס האט צוגעברענגט אז אונזער מוטער לאה זאל געבן א נאמען פאר איר ערשטע זוהן "ראובן"...**

אונזער מוטער לאה, דער אשת חיל פון יעקב אבינו, ווען זי האט געזעהן אז ביי איר עלטסטע זוהן האט פאסירט אן ענדליכע מעשה און ער האט זיך מתגבר געווען, האט זי אים א נאמען געגעבן "ראובן"...

**דערציילט די גמרא** (ברכות דף ז:)**:** פארוואס האט לאה א נאמען געגעבן פאר איר זוהן פונקט דער נאמען **ראובן**? א"ר אלעזר אמרה לאה: **ראו מה בין בני לבן חמי**, קוק דער חילוק פון מיין זוהן וואס איז אן ערליכע איד צו מיין שווער'ס זוהן, דער רשע עשו.

מיין שווער'ס זוהן, כאטש וואס מיט זיין אייגן ווילן האט ער פארקויפט זיין בכורה, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כה, לג): **וימכר את בכרתו ליעקב**, דאך שטייט אין פסוק (בראשית כז, מא): **וישטם עשו את יעקב**, עשו האט פיינט געהאט יעקב שנאת מות. און נישט נאר ער האט אים מבזה געווען, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כז, לו) **ויאמר הכי קרא שמו יעקב ויעקבני זה פעמים וגו'**, נאר ער האט אים אויך גערופן א פאפער! איי, יעקב האט געהאט די פולסטע רעכט אויף דעם, איז עס אים נישט אנגעגאנגען און עס האט גארנישט אויסגעמאכט ווייל "יעצט האט ער געגליסט די ברכות!"

זאגט לאה ווייטער, "מיין טייערע זוהן ראובן איז נישט געווען אזוי. כאטש וואס מען האט אוועקגענומען פון אים די בכורה געצווינגנערהייט און דאס געגעבן פאר יוסף, ווי דער פסוק זאגט: **ובחללו יצועי אביו נתנה בכורתו לבני יוסף** (דברי הימים א ה, א), האט ער בכלל נישט מקנא געווען אדער זיך געבייזערט אויף יוסף, ווייל ער האט פארשטאנען אז אזוי דארף זיין, אית דין ואית דיין, פון הימל וויל מען אזוי און ער האט בכלל נישט וואס צו מקנא זיין. ואדרבא, ער איז געבליבן געטריי און איבערגעגעבן טאקע פאר דער ברודער יוסף! ווי דער פסוק זאגט: **וישמע ראובן ויצילהו מידם.** (בראשית לז, כא)

**פארוואס? ווייל ווען עס איז דא בטחון**
**איז נישט דא קיין קנאה,**
**און דעמאלטס איז נישט דא קיין שנאה!**

## צידה לדרך

**מדת הבטחון איז דער אנהייב פון די תורה...**

זאגט דער ספר ברית אברם (הראשונים מתלמידי הבעש"ט) בשם ר' מאיר הגודל מפרעמישלאן זי"ע:

די ערשטע פיר אותיות מיט וואס די תורה הקדושה פאנגט זיך אן זענען ב.ב.א.א. **ב**ראשית **ב**רא **א**לקים **א**ת... להורות אז באלד ביים אנהייב פון די תורה זאל מען זיך איינ'חזר'ן אהין און צוריק דער מדת הבטחון.

פאראויס זענען די ר"ת: ב.ב.א.א. וואס דאס קומט מרמז צו זיין די ווערטער: **בְּ**ךָ **בָ**טַחְתִּי **אַ**ל **אֵ**בוֹשָׁה. (תהילים כה, ב)

צוריק-צו-וועגס זענען די ר"ת: א.א.ב.ב. וואס דאס איז מרומז אין די ווערטער: **אַ**שְׁרֵי **אָ**דָם **בֹּ**טֵחַ **בָּ**ךְ.

ווייל אלע מדות און השקפות זענען א פועל יוצא פונעם מדת הבטחון!

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך
אויף אי-מעיל, קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך
torah10952@gmail.com

# מוסר השכל:

צומאל שפירן מיר אז מיר קענען נישט דולדן א צווייטן און מיר טראכטן "איך ווייס נישט וואס איז געשעהן מיט יענעם אבער ער מאכט מיר אזוי נערוועז! **פון ווען ער האט אנגעהויבן מצליח צו זיין, איז ער שוין נישט דער זעלבע!"**

איידער מיר לאזן זיך אריין אין פארערכטן און בארעדן אנדערע, לאמיר קודם פרעגן זיך אליין, **"איז דאס אמת אדער אפשר קומט דאס ווייל איך בין יענעם מקנא?!"**

נאכן ליינען די וואכנדיגע גליון מיט די פארשידענע עפיזאדן, ווי מיר זעהן איינמאל און נאכאמאל ווי דער גאנצע בליק און געפילן פון א מענטש טוישן זיך ווען מען זעהט אז אן אנדערע איז מצליח, אפשר איז צייט צו טוישן דער שאלה פון **"וואס איז געשעהן מיט מיין חבר?"** צו דער שאלה **"וואס איז געשעהן מיט מיר?"**

ס"ה האט יענער עפעס וואס איך וויל זייער שטארק!
**מאך נישט יענעמ'ס גליק פאר דיין אומגליק!**

זאגט דער מסילת ישרים (פרק יא): קנאה איז א זאך וואס קומט פון נישט טראכטן. וואלט דער מענטש אביסל אריינגעטראכט וואו די מדה קען אים ברענגען, וואלט ער קיין קנאה קיינמאל נישט געהאט!

ווייל קנאה ברענגט גארנישט, עס ברענגט נישט קיין פארדינסטן אדער סיי וועלכע רווח פאר א מענטש! און אוודאי ברענגט דאס נישט קיין שום שאדן פאר יענעם! ס"ה, ברענגט דאס נאר צער און ווייטאג פאר דער מקנא.

אנשטאט זיך אויפעסן אין הארץ אויף יענעם, דארף מען אנהייבן לעבן מיט אמונה און בטחון, אנהייבן גלייבן באמונה שלימה אז קיין שום מענטש קען נישט צורירן צו עפעס וואס איז אנגעגרייט פאר אונז. **אפי' אויב מען וואלט געווען דער איינציגסטע מענטש אויף דער וועלט, וואלט מען גארנישט מער פארדינט פון וואס עס איז נגזר געווארן!** און ווען מען וועט באמת איינ'חזר'ן און גלייבן אין די ווערטער, וועט קיין שנאה נישט זיין! און מען וועט זיך פלוצלינג טרעפן מיט פיל מער חברים ווי פריער!

**תני שבעה דברים מכוסים מבני אדם** (רבה סה, יב). דער מדרש רעכנט אויס זיבן זאכן וואס זענען פארהוילן פון א מענטש'ס וויסן. צווי פון זיי זענען... **ואין אדם יודע במה הוא משתכר**: א מענטש ווייסט נישט אין וועלכע ביזנע"ס ער גייט פארדינען און וועלכע נישט. **ואין אדם יודע מה בלבו של חבירו:** א מענטש ווייסט נישט וואס ליגט ביי זיין חבר אין הארץ. לפי"ד, איז דאס זייער פארשטענדליך. כדי מען זאל קענען לעבן מיט אמונה און בטחון און נישט קוקן און מקנא זיין וואס א חבר טוט, דארף די הצלחה זיין פארהוילן, מען מעג נישט וויסן פונקטליך פון וואו די הצלחה קומט.

און כדי א מענטש זאל קענען לעבן צווישן מענטשן און ווערן צוקלאפט פון יעדער וואס איז אים מקנא, מעג ער נישט וויסן וואס ליגט ביי יענעם אין הארצן צוליב אים...

**ווען קומט משיח?**

אין ספר אך פרי תבואה (פרשת ויחי ד"ה האספו), ברענגט הרה"ק מליסקא זי"ע א ווארט וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן הרה"ק מאוהל הישמח משה זי"ע, וואס האט אים געזאגט אז ער האט דאס געהערט פון אליהו הנביא זכור לטוב. די גמרא זאגט אין סנהדרין (צז.): **אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס.** דער פשט עד שיכלה הפרטיות איז: ווען עס וועט זיך ענדיגן דאס זיין פאר זיך אליין, ווען עס וועט זיין אז איינער דאגה'ט פאר א צווייטן ווי ער טוט פאר זיך, דהיינו שיהיה אהבה ואחוה ורעות בישראל, דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה!